ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
ת"ר
פרשת כי תבא
שנת תשע"ט לפ"ק

ד' תתקנט) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' יונתן בנימין העניג הי"ו**

## דעם שארמאשער רב'ס תקיעת שופר

במשך יארן פלעגט **אא"ז כ"ק הגה"צ המפורסם רבי נפתלי הירצקא העניג זצ"ל אב"ד שארמאש** זיין דער בעל מקריא ביי די תקיעות ראש השנה אין ביהמ"ד הגדול ביים רבי'ן ז"ל. און עס פלעגט זיין טיילמאל ווען דער רבי האט זיך שטארק געמוטשעט מיט די תקיעות און ער האט נישט מצליח געווען, האט ער איבערגעגעבן דעם שופר פארן שארמאשער רב.

עס איז געווען זומער תשל"ח לפ"ק, ווען עס האט מיר דערציילט הרה"ח ר' פישל פריינד הי"ו אז ער איז געווען בקודש פנימה ביי **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה**, און ער האט מיטגעהאלטן ווי דער רבי האט אנגערופן צו די מקורבים "מ'דארף צוגרייטן א בעל תוקע אויף ראש השנה, ווייל איך וועל נישט בלאזן", האט מען פרובירט קודם צו זאגן אז דער רבי וועט יא בלאזן, אבער דער רבי האט נישט געוואלט דאס מקבל זיין, האט מען געזאגט עטליכע נעמען פון חשוב'ע בעלי תוקע'ס פון וואס דער רבי איז נישט געווען צופרידן, ביז ווען מ'האט געזאגט פארן רבי'ן אז אפשר שארמאשער רב?", האט דער רבי געזאגט "אה, ער קאן גוט בלאזן".

א צייט דערויף איז דער זיידע ז"ל ארויסגעקומען קיין קרית יואל זיך געזעגענען ביים רבי'ן לכבוד די הייליגע טעג, האט אים דער רבי געזאגט "שארמאשער רב, איר וועט בלאזן דעם ראש השנה די תקיעות". דער זיידע איז שוין געווען היבש אפגעשוואכט און ער איז נישט געווען בכח צו בלאזן, האט ער געזאגט "דער רבי וועט אי"ה בלאזן אזוי ווי אלע יארן", דער רבי האט אים אויף דעם גארנישט געענטפערט.

פארשטייענדיג אז ער וועט דארפן בלאזן פארן ציבור דעם קומענדיגן ראש השנה, ווי נאר דער זיידע איז אהיים געקומען קיין וויליאמסבורג איז ער אריין אין זיין ביהמ"ד אויף 136 ראסס סט. און ער האט פרובירט צו בלאזן, אבער לגודל חולשתו איז איהם דאס נישט געלונגען, ער האט פרובירט יעדן טאג מיט אנדערע שופרות, אבער ער האט נישט מצליח געווען צו קענען געהעריג בלאזן.

עס איז געקומען ראש השנה תשל"ט, דער ביהמ"ד הגדול אויף ראדני סט. איז געווען מלא וגדוש עד אפס מקום מיט אלפים מישראל וואס זענען געקומען הערן תקיעת שופר פון רבינו הק' מלאך ה' צבקות, דאס לעצטע יאר בחיים חיותו עלי אדמות. איך האב זוכה געווען צו שטיין פארן באלעמער מכח א טאפעלטער זכות, אלס אייניקל פונעם בעל מקריא דער שארמאשער רב ז"ל, און איידעם ביי הרה"ח ר' יחזקאל משמש ע"ה.

דער רבי נעמט דעם שופר אין די הענט און ער מאכט די ברכה בקול חוצב להבות אש, און תיכף גיט ער איבער דעם שופר פארן זיידן אז ער זאל בלאזן. דער משב"ק הרה"ח ר' עזריאל גליק ע"ה האט פרובירט צו שתדל'ן אז דער רבי זאל בלאזן האט ער צוריק גענומען דעם שופר און געגעבן פארן רבי'ן, אבער דער רבי האט א שריי געטון 'נו, נו...' וואס מ'האט געהערט איבערן ביהמ"ד.

דער זיידע האט גענומען דעם שופר און ער האט אנגעהויבן צו בלאזן, מה אומר ומה אדבר, יעדע תקיעה איז ארויסגעקומען קלאר אן קיין שאלה און ספק, כאטש וואס גאנץ חודש אלול האט ער בשו"א נישט געקענט בלאזן קיין איין תקיעה האט ער דא אפגעבלאזן אלע תקיעות אן קיין שום אפשטעל. עס איז בלי ספק געווען דער כח המשלח פון רביה"ק ז"ל וואס האט אים באגלייט אין זיין הייליגע עבודה תעיר ותריע להכרית כל מריע. (הערשל קויפמאן, הערשל רובינשטיין, משה רובינשטיין, יחזקאל רובינשטיין, קלונימוס אליעזר עקשטיין, יצחק עקשטיין, שלמה לייב גרובער, יחזקאל שרגא עקשטיין, קלונימוס אליעזר עקשטיין, נפתלי הירצקא עקשטיין, יחזקאל שרגא ביטמאן, יחזקאל שרגא שטערן, חיים מיכל שטערן, משה שטערן, אליעזר שטערן, משה יודא העניג, הערשל העניג, ישעי' ביטמאן, ברוך עקשטיין)

ד' תתקס) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' נחמי' מארקאוויטש הי"ו**

## אין שלום ל...

מיין טאטע הרה"ח רבי עזריאל שו"ב ז"ל שו"ב שטראסבורג איז געווען א תלמיד פון **רביה"ק מרן הדברי יואל זלה"ה**, און ווען דער רבי פלעגט פארן קיין ארץ ישראל, פלעגט ער זיך משתדל זיין מיטצופארן. נאך אנטערוועגנס פלעגט ער מיטקומען אויף די שיף, און באגלייטן דעם רבי'ן אויך ביי די גאנצע נסיעה אין ארץ ישראל, וואו עס האט אויך געוואוינט זיין גרויסער שווער **הגה"צ רבי מנחם זאב שטערן זצ"ל אב"ד גבעת שאול**.

איז געווען איין אינדערפרי ווען מיין טאטע איז געקומען צום רבי'נס אכסניא אין מלון צפוני', ווילנדיג באגלייטן דעם רבי'ן צום דאווענען שחרית אין ביהמ"ד אוהל רחל. עס זענען דארט געווען עטליכע מקורבים, וואס האבן געווארט אויפן רבי'ן. עס איז געווען א פלא צו זעהן ווי דער רבי קומט ארויס פון זיין עבודה בהכנה לתפילה און ער וואשט זיך נישט די הענט נאר ער נעמט די בעקיטשע און גרייט זיך ארויסצוגיין פון שטוב.

די מקורבים האבן זיך איבערגעבליקט מיט וואונדער, יעדער האט מורא געהאט צו דערמאנען דעם רבי'ן אז ער האט זיך נאכנישט געוואשן די הענט. זיי האבן געוואונקען צו מיין טאטן אז ער אלס תלמיד און מקורב זאל דערמאנען דעם רבי'ן. אבער דער טאטע איז געווען אזא חסיד פונעם רבי'ן, און ער האט זיך אויך נישט געטרויעט גארנישט צו זאגן.

דער רבי איז ארויסגעגאנגען מיט שנעלע טריט צו די מקוה און צום דאווענען אויפן וועג קיין רחוב יואל, אנקומענדיג צום ווינקל פון רחוב יחזקאל איז דארט געשטאנען און געווארט ר"מ לעווין, דער ראש האגודה, און ער גייט צו צום רבי'ן "שלום עליכם סאטמארער רב", דער רבי האט אים תיכף געענטפערט "כ'האב נישט קיין געוואשענע הענט"... און ער האט אים נישט צוריק געגעבן די הענט.

אלע מקורבים וואס זענען דערביי געווען האבן אויפגעציטערט זעהנדיג בחוש דעם רבי'נס ווייטע הרגשה, און ווי ווייט ער האט נישט געוואלט געבן א האנט פאר דעם מענטש וואס האט געטראגן אויף זיין אחריות דעם חורבן פון אריבערפירן די אגודה צו ציונות. (הערשל גראס, שמחה עהרנפעלד, רפאל מארקאוויטש, עזריאל פריינד)

ד' תתקסא) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' יוסף ווייס הי"ו**

## דער רבי האט שוין מנין

מיט עטליכע וואכן צוריק דערציילט מיר ידידי הרה"ח ר' שלמה הלוי ווערצבערגער (משמש) הי"ו, בשם **הגה"ח רבי מרדכי דוד קאהן ז"ל ר"מ בישיבה"ק**, וואס האט געהערט א ענין פלא פון זיין פאטער הרה"ח ר' יחזקאל משמש ע"ה.

עס איז געווען א קורצע צייט נאך די הסתלקות פון **כ"ק מרן רביה"ק הדבר"י זלה"ה**, ווינטער תש"מ לפ"ק, האט ער געזעהן א חלום ווי דער רבי ז"ל שטייט נעבן ביתו נאוה קודש אויף 500 בעדפארד עוו. און קוקט אויף אלע זייטן, פרעגט ר' יחזקאל 'וואס זוכט דער רבי'?' זאגט דער רבי "איך דארף א צענטן צו מנין"...

"אינמיטן זעהט ער ווי עס גייט אדורך **הגה"צ רבי יצחק אייזיק ליבערמאן זצ"ל דער בעסערמינער רב**, און דער רבי זאגט "איך האב שוין מנין". והנה חלום.

די מעשה איז געווען א פליאה עצומה, דער גאנצער חלום האט נישט געהאט קיין פשר, און דער בעסערמינער רב איז געווען געזונט און שטארק. ר' יחזקאל האט דאס דעמאלטס איבער דערציילט פאר חתנו רבי מרדכי דוד ז"ל.

א קורצע צייט דערויף י"ט אדר תש"מ, האט זיך נאך דער בעסערמינער רב באטייליגט ביי די שמחת בר מצוה פון **הגה"צ אב"ד דקהלתינו הק' וויליאמסבורג שליט"א**, דער עלטסטער אייניקל פון **כ"ק מרן רבינו הברך משה זלה"ה** וועלכער האט אין יענע תקופה עולה געווען על כס הרבנות אין ק"ק סאטמאר, און יענע נאכט איז ער פלוצלונג נפטר געווארן לעולמו.

אין די לעצטע טעג איז מיר אויסגעקומען איבערצוגיין די רשימת הנפטרים וואס ליגן דא אויפן בית החיים, האב איך צום ערשטן מאל אין אכט גענומען אז דער בעסערמינער רב ז"ל איז געווען דער צענטער נפטר וואס איז נטמן געווארן דא אויפן בית החיים אין קרית יואל... און דער חלום איז געווארן פארשטענדליך. (יושע ווייס, אשר זעליג ווייס, אשר לעמיל בערגער, שלמה אלעזר ווייס, יעקב קאהן, משה קאהן, מרדכי אפרים פישל פייערווערקער, שמואל יצחק מאשקאוויטש, מרדכי אהרן מאשקאוויטש)

ד' תתקסב) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' אליעזר ווייס ני"ו**

## מי שענ"ה לפנח"ס בקומו מתוך העד"ה

איך געדענק ווען איך בין געווען א יונגער בחור, בערך שנת תשכ"ד, ווען איך האב געוואוינט אין ירושלים, איז פארגעקומען בחירות הטמאות פון די מדינה הציונית פאר זייער כנסת המינים, און דער ביד"ץ העדה החרדית בירושלים עיה"ק האט פארופן א גרויסע עצרת פארנט פון די בניני העדה"ח אין ככר זופניק אלס א טייל פון די מערכה פון דעם איסור חמור קעגן די השתתפות לבחירות וועלכע איז גע'אסר'ט געווארן דורך די גאונים וצדיקים מרנן חברי

הביד"ץ ועל צבאם דער **גאב"ד מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע**, די חברי הבי"ד וואס איז דעמאלטס באשטאנען פון גאונים פונעם פריערדיגן דור און שפיץ פונעם **ראב"ד הגאון האדיר רבי פנחס עפשטיין זצ"ל**, זענען אלע געזיצן אויפן פארטש פונעם בנין און דער עולם איז געשטאנען אונטן אויפן שטח.

אינמיטן ווען דער ראב"ד זצ"ל האט משמיע געווען זיינע פייערדיגע דברות קודש, איז פונקט דאן אריבער געפארן א טרעקל מיט גור'ער יונגעלייט וועלכע זענען ארומגעפארן מיט הויעכהילכערס אויף די גאסן און פראקלאמירט צו גיין צו די בחירות און שטימען פאר די 'אגודה' פארטיי, אזוי דורכ'פארענדיג נעבן דעם פארזאמעלטן ציבור האבן זיי דווקא אפגעשטעלט דעם טרעקל און אנגעצינדן די הויעכהילכערס אויפן העכסטן טאן וואס ס'האט נאכאמאל און נאכאמאל געזינגען דעם טרויער באקאנטן ניגון אויף די ווערטער 'ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם'!!!

ווען דער ראש בי"ד האט דאס געהערט האט ער זיך אפגעשטעלט, און ער האט אויסגערופן מיט א ברען "איך הער זינגען ויעשו כולם אגודה אחת", יעה!... אבער וואס שטעהט ווייטער, לעשות 'רצונך' בלבב שלם!.. איז דען דאס דער רצון השם?.. און ער האט ממשיך געווען מיט א רוח קנאות! זיי זענען מחוצפים וכו', און ער האט זיך אויסגעדרוקט בהאי לישנא: ווער לערנט 'אכצן צוואנציג שעה' א מעת לעת? מיר! אדער איר!..

נאך א פאל ליגט מיר אין זכרון מורא'דיגע ווערטער וואס דער ראש בי"ד האט זיך אויסגעדרוקט, דאס איז געווען ביי אן אסיפה וואס בי"ד האט פארורופן לחזק גדרי צניעות, און ווי ס'איז דער שטייגער פלעגט דעמאלטס דער בי"ד לאזן אויסצוהענגען אויף די גאסן די פלאקאטן פון די מודעות פון די חברי גאו"צ הביד"ץ וואס האט גערופן דעם ציבור איבער די דברים הצריכין תיקון, געדענק איך ווי דער ראש בי"ד האט דעמאלטס געזאגט ביי זיין דרשה אז ער האט געזעהן איינע פון מודעות אויף די גאסן איז געווען צוריסן, און ער האט זיך אויסגעדרוקט שארפע ווערטער וואס אלע אנוועזנדע זענען צוטרייסלט געווארן דערפון: "איך בין בטוח! אז די האנט וואס האט עס אראפגעריסן וועט ווערן אפגעהאקט"...

אזוי שטארק האט געברענט און איהם זיין רוח קנאות למען קיום התורה והקדושה, זכותו יגן עלינו. (משה יודא שפילמאן, ישראל יעקב ווייס, אהרן יוסף עקשטיין, משה לאנדא, חיים ווייס, משה מארמארשטיין, יהושע פראנקעל, משה פר"מ)

ד' תתקסג) עס דערציילט אונזער זיידע

**הגה"צ רבי אברהם עקשטיין שליט"א** אבד"ק בוענאס איירעס

## איך האב נישט געגעסן קיין פלייש אין ארץ ישראל

עס איז געווען בערך תשל"ג ווען די ממשלה אין בוענאס איירעס האט ארויסגעגעבן א געזעץ אז מ'טאר נישט אריינברענגען קיין פלייש פון שלאכט-הויז צו די פלייש געשעפטן, נאר אויב עס איז געווען דריי טעג פארפרוירן אין אייז (דעמאלטס פלעגט מען נאך ווייקן און זאלצן אין די בוטשער סטאר). דאס האט געמיינט א מורא'דיגע סכנה פאר אידן מדקדקים בכשרות, ווייל פלייש וואס ליגט דריי טעג אן ווייקן אין וואסער איז אסור משום 'עובר' (יו"ד סי' ס"ט סי"ג).

דער טאטע **הגה"צ אב"ד בוענאס איירעס זצ"ל** האט באלד איינגעגעבן א ביטע ביים אגריקולטור מיניסטער אז ער וויל זיך טרעפן מיט אים, ווילנדיג שתדל'ען אז ער זאל אפרופן דעם געזעץ, און ער האט באקומען אן אודיענץ. אבער ווען ער איז אנגעקומען אין ווארט-זאל איז ער איבערראשט געווארן צו זעהן אז מ'האט געגעבן אין די זעלבע צייט אויך אן אודיענץ פארן רב הראשי פון די שטאטישע עדת הספרדים הרב יצחק שחיבר ז"ל, וואס האט אויך געהאט געבעטן אן אודיענץ, ממילא האט דער אפיס געגעבן פאר ביידע רבנים אין די זעלבע צייט. פארן טאטן איז דאס נישט געווען אזוי איינגענעם צו גיין מיט אים אינאיינעם, אבער ער האט נישט געהאט קיין ברירה.

אריינגייענדיג צום מיניסטער האט דער רב הראשי פארגעלייגט די בקשה להעביר את רוע הגזירה, דער מיניסטער האט אים אויסגעפרעגט פארשידענע קשיות אויף וואס יענער האט געענטפערט.

צווישן אנדערע האט ער אים געפרעגט "אז אין ארגענטינא איז שוין דא צענדליגער יארן א שחיטה פון גסות, וואס די ראבינאט 'רבנות הראשות' פון מדינת ישראל גיט דערויף א הכשר, און די געפרוירענע פלייש ווערט געפירט במשך לענגערע טעג אויפן שיף בעפארן ווייקן, ווי אזוי קענט איר זאגן אז דאס איז נישט אויסגעהאלטן לויט די אידישע הלכה, ווען אויך אין די אידישע מדינה, מדינת ישראל, נעמט מען די פלייש?".

דא האט דער טאטע ז"ל געזאגט פאר יענעם רב 'אנטשולדיגט, דאס וועל איך ענטפערן', און דער טאטע האט געזאגט "הער מיניסטער, איך בין געווען א רב אין ארץ ישראל ניין יאר, און איך האב נישט אריינגענומען קיין שטיקל בהמה פלייש אין מויל, און אויב די גזירה וועט ארויסגיין, מיינט דאס אז א ערליכער איד אין בוענאס איירעס וועט נישט קענען עסן קיין שטיקל פלייש"...

די ווערטער האבן געמאכט א שטארקן רושם אויפן גוי'אישן מיניסטער און ער האט טאקע צוריק געצויגן די גזירה. (קלמן אליעזר גאנדל, נפתלי הירצקא עקשטיין, משה עקשטיין)

ד' תתקס) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג רבי שמואל הכהן פריעדמאן שליט"א** משב"ק

## דעם רבי'נס זארג פאר יעדן לפי ערכו

מיט עטליכע וואכן צוריק איז נסתלק געווארן אין ירושלים עיה"ק **הגאון החסיד רבי מרדכי אהרן שיינבערגער ז"ל** מיקירי וחשובי זקני עיה"ק ירושלים ת"ו, אין עלטער פון 93 יאר. דאס האט אויפגעברענגט מחשבות פון גוטע זכרונות פון ווען ער איז אמאל געקומען קיין אמעריקע נאך געלט. דאס איז געווען לויטן חשבון אין חודש אלול שנת תשכ"ו.

דער עולם דאהי האט איהם אינגאנצן נישט געקענט, מ'האט געהערט אז ער איז א ברודער פון הרה"ג ר' מנחם שיינבערגער ע"ה, וואס איז דא געווען באקאנט פארן עולם, ווייל ער פלעגט קומען קיין אמעריקע מערערע מאל, און ער האט זוכה געווען משמח צו זיין דעם עולם ביים שולחן הטהור פון רבי'ן ז"ל - **רביה"ק בעל דבר"י זי"ע** - ווען ער האט געטאנצט אויפן טיש פרייליכע אלטע ירושלים'ער ניגונים לכבוד ל"ג בעומר, שושן פורים וכדומה, לשמחת כל הציבור מנער ועד זקן.

דער עלטערער עולם האט אויך גערעדנקט אן אנדערער ברודער פון רבי מרדכי אהרן, דאס איז געווען הרה"ג ר' ישעי' שיינבערגער ז"ל, וואס פלעגט קומען אהער אין די פריערדיגע יארן אין שליחות פון די 'העדה החרדית'. (זיי זענען געווען קינדער פון הרה"צ רבי יוסף חיים שיינבערגער ז"ל, און רבי מרדכי אהרן איז געווען א איידעם ביי הרה"צ רבי שמואל דייטש ז"ל, ביידע זענען געווען גדולים בתורה ובעבודת השי"ת, מנקיי הדעת המפורסמים בעיה"ק ירושלים. - רבי מנחם האט אויך עוסק געווען אין פארשפרייטן די ספרים קרן אורה אויף כמה מסכתות הש"ס, פון וועמען זיי זענען געווען אייניקלעך, אגב, זענען זיי אויך געווען אייניקלעך פון **הרה"ק רבי אברהם מרדכי מפינטשוב ז"ל** דער שווער פון **הרה"ק רבי אייזיק'ל מקאמארנא ז"ל**).

רבי מרדכי אהרן ז"ל איז געווען א שטילער איד, ער איז געזעסן און געלערנט ש"ס ופוסקים פאר זיך מיט גרויס התמדה, מיט באשיידנהייט און מיט ענות חן, אין אלטן גרויסן ביהמ"ד דקהלתינו הק' (בעדפארד קאר. ראס).

דער רבי ז"ל פלעגט קומען יעדן טאג צום דאווענען כדרכו בקודש, און ווען מ'האט געענדיגט שחרית, און דער רבי האט אויך געענדיגט זיין עבודת הק', ברית'ן, מיט זיינע לימודים וואס ער האט געהאט א קביעות צו לערנען יעדן טאג מלובש מיט די תפילין דרבנו תם, חומש רש"י בעיון מיט די אנדערע מפרשים על הסדר, נאכדעם וואס ער האט געענדיגט דעם גאנצן 'יום תהלים' (וואס ער פלעגט אנהייבן נאך אינדערפרי פארן לערנען).

עכ"פ ווען דער רבי האט אויסגעטון דעם טלית מיט די תפילין דר"ת, איז שוין געווען גוט שפעט, למעשה האט דער רבי באמערקט ווי רבי מרדכי אהרן זיצט אזוי רוהיג אין ביהמ"ד פארטיפט אין לערנען, איז דער רבי צוגעגאנגען צו אים און געפרעגט מיט א שמייכל בצהלת פניו הקדושים כנהוג "אין ירושלים איז נישטא קיין גמרות?!"...

רבי מרדכי אהרן האט גלייך פארשטאנען די שאלה פונעם רבי'ן, אז זיצן און לערנען קען ער דאך אויך אין ירושלים, און אז ער האט זיך מטריח געווען צו קומען אהער האט ער דאך געוואלט עפעס אויפטוהן, האט רבי מרדכי אהרן געענטפערט אז ער איז א גרויסערביישן, און עס איז איהם שווער צו גיין נאך געלט. עס האט זיך געמאכט א שמועס אויף די גמרא (שבת דף ק"ד) ווי די דרדקי האבן געזאגט אז ג' ד' איז מרמז אויף ג'ומל ד'לים און די גמרא רעדט דארט ווייטער פון די צורה פון אות ג' און ד'. נאכדעם האט איהם דער רבי געגריסט און ער איז אהיימגעגאנגען.

דער רבי ז"ל האט געלאזט רופן הרה"ח המפורסם ר' שלו' לויפער ע"ה וואס איז געווען א גבאי צדקה ביים רבי'ן, און ער האט אים געזאגט אז מ'זאל זעהן צושטעלן ווער עס זאל מיטגיין מיט ר' מרדכי אהרן נאך געלט, וואס אויסערדעם וואס ער וועט באקומען פונעם רבי'ן א שיינעם סכום האט דער רבי געוואלט אז ער זאל אויך ארומגיין נאך געלט.

איך האב געהאט די זכי' צו זיין איינער פון די שלוחים וואס זענען ארומגעגאנגען מיט רבי מרדכי אהרן ז"ל. פאר מיר איז אויסגעקומען צו גיין מיט רבי מרדכי אהרן ווען מ'האט מסדר געווען צו גיין אין די געגענט פון קרוין-הייטס ביי עטליכע פון די חשוב'ע רבנים און רבי'ס וואס האבן נאך דעמאלטס געוואוינט אין קרוין-הייטס, צו וועמען מיר האבן געקענט צוקומען, ובראשם כ"ק הגאונים הצדיקים דער באבובער רב (בעל דברי שלמה), דער סקולענער רבי (בעל נועם אליעזר) דער קאזלובער רבי (הגה"צ רבי משה רוקח) ז"ל. איבעראל האט זיך געמאכט שיינע שמועסן מיט כבוד און הערצה, דורכדעם וואס ער האט געמאכט א גרויסן רושם מיט זיין גדלות בתורה ובענוה.

מ'האט שוין דעמאלטס געזאגט אויף אים אז ער איז בקי אין יעדן תוס' אין ש"ס. (אגב, אויפן וועג האט ער געהאט מיטגענומען מיט זיך איינס פון די חלקים פון דעם לומד'ישן ספר 'לפלגות ראובן' פונעם **גאון וצדיק ר' זעליג ראובן בענגיס ז"ל** וואס איז געווען ירושלים'ער רב גאב"ד העדה החרדית בעפאר מ'האט אויפגענומען דעם רבי'ן אלס רב אין ירושלים בשנת תשי"ג, און ער האט אין דעם מעיין געווען אויפן וועג ווען ער האט נאר געהאט צייט. (יחיאל שלמה פריעדמאן, יעקב הכהן פריעדמאן)